Rok 2. Kraków, 21 stycznia 1910 — קראקא י"א שבט תר"ע. Nr. 3

# יודישע אילוסטרירטע צייטונג

**Żydowska gazeta illustrowana. Jüdische Illustrierte Zeitung.**


wychodzi każdego piatku. **Prenumerata wynosi:** Rocznie K. 10 — Rbs. 5 — M. 12.·Frs 15. Półrocznie 5 K. — Rbs. 2.50 — M. 6 — Frs 7.50, kwartalnie K. 2.75 — Rbs. 1.50 — M. 2.25 — Frs. 4. Pojedyn. egzemplarz 20 hal. — 10 kop. — 25 Pf. — 30 Centm. **Redakcya i Administracya** Kraków, Grodzka 62 — telefon 412 — Konto Pocztowej Kasy Oszczędności 57.341. **Ogłoszenia przyjmuje:** Biuro reklamowe i anonsów »Prinzipia« w Krakowie św. Marka 21.

Erscheint jeden Freitag. **Abonamentspreis:** jährlich K. 10. — Rbl. 5. — M. 12. — Frs 15.—halbjährlich K. 5. — Rbl 2·50. — M. 6 — Frs 7·50. — vierteljährlich K 2·75. — Rbl 1·50. — M. 2·25. — Frs 4. — Einzelne Nummer: 20 Heller — 10 Kop. — 25 Pf. — 30 Centm. **Redaktion und Administration:** Krakau, Grodzka 62. — Telephon 412. — Oester. Postsparkassen-Konto 57 341. **Inseraten-Annahme:** Reklame-Bureau »Prinzipia« Krakau, Markagasse 21.

ערשיינט יעדען פרייטאג. אבאנאמענטס-פרייז: יעהרליך 10 קראנען. 5 רובל. האלביעהריג 5 קראנען = 2.50 רובל. פיערטעל יעהרליך 2.75 קראנען, = 1.50 רובל. — איינצעלנע נומער 20 העללער 10 קאפ. — אין אנדערע לענדער: יעהרליך 15 פראנק. האלביעהריג 7.50. פיערטעליעהריג 4 פראנק. רעדאקציאן אונד אדמיניסטראציאן: קראקא גראָדזקא 62. — טעלעפאן נר' 412 — עסטערר. פאסטשפארק.-קאנטא נר' 57,341. אינזעראטען-אננאהמע: אנאנסען-ביוראָ „פרינציפיא" קראקא, מארקא-גאססע 21.


## א שרעקליכע שפיטאל־קאטאסטראפע.



בילדער פון דער קאטאסטראָפע: 1) מיליטערישע רעטונגס-ארבייטען. 2) דער געטעטעטע דר. וועסעלי מיט זיין פאמיליע. 3) אנזיכט פון דעם שפיטאל און דער אים: [illegible] דער קאטאס־טראפע. 4) די עפענונג אין בארען, וועלכע האט פעראורזאכט די קאטאסטראפע.

**אינהאלט: די פטירה פון אלעקסאנדערער רבי — די פטירה פון קאוונער רב — קוק אלס שווינדלער — מיליאנערסטאכטער איז קעלנער — די גנבה אונדער וויענער שיפשוהל א.ז.וו.**

ריעינינע אבאנענטען, וואס זייער אבאנעמענט ענדינט זיך מיט דיעזע נומער, בעקומען ביינעלענט א פאָסט־שעק, מיט וועלכען זיי זאָלען עס תיכף ערנייערן, כדי מיר זאלען נישט זיין געצוואונגען, אויפצוהערען מיטן צושיקען פֿון אונזער בלאַט.

•

די פ. ט. אנגענטען ווערען אויפֿגעפאָדערט, תיכף צו בעגלייכען זייערע רעכנונגען, ווי״ז זאנסט וועלען מיר זיי נישט מעהר צושיקען די בלעטער.

•

אונזער הויפּטפֿערטרעטער אין רוסלאַנד איז:
י. מערעצקי, ווארשא, כמיעלנאַ נר׳ 49. פיליאלע אין לאָדז: פּשעיאַוד נר׳ 16.
אין רומעניען: יאזעף בארטפֿעלד, פּאשקאַני.
אין בעלגיען: ס. קאהאן, אַנטווערפּען.
אין אַמעריקאַ: ש. דרוקערמאַן, ניו־יאָרק, 50 קאַנאַל־סטריט.

# די אדמיניסטראַציע.




א יודישער ספארט־קלוב אין לעמבערג: „חשמונאי II“.

# דער יודישער ספאָרט־קלוב אין לעמבערג.

צוריק מיט עטליכע וואכען האבען מיר געבראַכט א בילד פֿונ׳ם יודישען ספארט־קלוב אין קראקוי און היינט ברענגען מיר צוויי בילדער פֿונ׳ם יודישען ספאָרט־קלוב אין לעמבערג.

דער יודישער ספארט־קלוב אין לעמבערג איז געגרינדעט געוואָרען מיט 5 יאהר צוריק און צעהלט שוין איצט איבער 200 מיטגליעדער. די טעטיגקייט פֿון דיזען קלוב צעטיילט זיך אויף פֿערשיעדענע געביעטען עס ווערען געהאַלטען פֿערשיעדענע פֿארטרעגע איבער היגיענישע פֿראגען און איבער דער פֿיזישער ענטוויקלונג פֿון דער יודישער יוגענד.

ווייטער ווערען פֿעראַנשטאַלטעט אויספֿליגע אויפ׳ן פֿרייע און א סך פֿרייע גימנאסטישע איבונגען. אין די ראהמען פֿון ספארט־קלוב עקזיסטירען צוויי פֿאַטבאלים־טען־קלובּ׳ס: „חשמונאי I“. און חשמונאי II“. דיזע קלובּ׳ס האבען שוין געהאַט מעהרערע וועטרענען מיט די פוילישע קלובּ׳ס און האבען זיי עטליכע מאהל אויך מנצח געווען.

ווינטער פֿעראַנשטאַלטעט דער ספארט־קלוב גליטש־אונטערהעלטע אויפ׳ן אייז און אויספֿליגע מיט שליטע־לעך. אויסער דעם האט דער קלוב איצט אויפֿגענומען א אייגענע לאקאל, וואו ס׳קומען פֿאָר רינג־קעמפפֿע, דועלע און שוועדישע גימנאַסטיק.

דיזע קלובּ׳ס, ווי אויך די יודישע טורנפֿעריינע, וואָס האָבען זיך אין דער לעצטער צייט אנגעהויבען צו ענטוויקלען, זענען בלי־שום־ספק זעהר א וויכטיגע אינסטיטו־ציע פֿאַר׳ן יודישען פֿאָלק. נאָך וואָלטען די לייטער פֿון דיזע טורנפֿעריינע און ספּאָרט־קלובּ׳ס בעדאַרפֿט צו טראַכטען, אַז דיזע אינסטיטוציעס זאָלען זיין מעהר פֿאָלקסטהימליך און ס׳זאָלען אין זיי טאַקי קענען אנגע־הערען די ברייטע יודישע פֿאָלקס־מאסען, דען אין זייער איצטיגער ביוראָקראַטישער פֿאָרם זענען זיי צוגעפאסט נאָר פֿאַר אַ ענגען קרייז פֿון אינטעליגענטען אָדער בע־סער סיטואירטע יונגעלייט. דאַגעגען די ברייטע יודישע מאסע ווייסט נאָך אפילו נישט צו ס עקזיסטירען אזעלכע פֿעריינע.

די ערשטע בעדינגונגען דערפֿאַר, אַז די יודישע טורנפֿעריינע און ספּאָרט־קלובּ׳ס זאָלען ווערען פּאָפּולער און פֿאָלקסטהימליך איז, אַז די קאָמאַנדאָ־שפּראַך זאָל זיין יודיש און נישט פּויליש ווי ז׳ איז ביז איצט אין אלע „יודישע“ טורנפֿעריינע און די לייטער פֿון דיזע פֿעריינע זאָלען פשוט פֿערשפּרייטען אַ אגיטאציע אונטער דער יודישער בעפֿעלקערונג.

מיר ווילען האָפֿען, אַז געלייטעט מיט א גוטען ווילען וועלען דיזע טורנפֿעריינע און ספּאָרט־קלובּ׳ס מיט דער צייט דאָך ווערען דאָס, וואָס זיי בעדאַרפֿען צו זיין און וועלען דיענען נישט פֿאַר איינצעלנע, אָדער צעהנ־דלינגע, נאָר פֿאַר דער פֿיזישער ענטוויקלונג פֿונ׳ם גאַנ־צען יודישען פֿאלק.

# באַרבאַרישע געזעצע אין פּערזיען.

מיר הערען אָפֿטמאָל פֿון דינים, מנהגים און גע־זעצע, ביי די נישט־ציוויליזירטע פֿעלקער, וועלכע קומען אונז פֿאָר אַזוי ווי אויסגעטראַכטע בבא־מעשיות און מיר ווילען אין זיי נאָר נישט גלויבען. דען אונז דאַכט זיך, אַז ס׳איז שוין נאָר נישט מעגליך דאס אין צוואַנציגסטען יאָה־הונדערט זאָלען נאָך פֿאָרקומען מעשים, וואָס זענען אפשר מעגליך געווען מיט טויזענדער יאהרען צוריק, ווען די מענשהייט האָט זיך נאָך געפֿונען אין אַ ווילדען צו־שטאַנד. עס קומען אבער אלע מאָהל פֿאָר פֿאַקטען, וועלכע בעשטעטיגען אַז די לעגענדען וואָס מיר הערען אַ מאָל דערצעהלען זענען נאָך היינט טהאַטזאַכען און זיי קומען נאָך איצט פֿאָר אין פֿערשיעדענע לענדער.

איינס פֿון דיזע לענדער, וועלכע צייכנען זיך אוים מיט העכסט־ווילדע מנהגים און געזעצע, איז פּערזיען. דאָרט עקזיסטירט למשל אַזאַ שטראָפֿע; מען זעצט אריין אַ מענש נאַקעטערהייט און אַ אייזערנער שטייג, וואָס איז פֿול מיט ג־ויסע הינגערונגע ראַטען און ער מוז דאָרט פֿון זיי לעבעדיגערהייט אויפֿגעפרעסען ווערען.

דאָרט ווערד נאָך פּראַקטיצירט, אַז אַ זינדיגען פֿערשטיינעט דאָס גאַנצע פֿאָלק בפני קהל־ועדה און יעדער האַלט זיך פֿאַר אַ מצוה גדולה, דעם זינדיגען חאָטש איין שטיין צו וואַרפֿען. דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז אבער, אַז נישט חמיר זענען די זינדיגע שולדיג און אָפֿט־מאָל ווערען גאַנץ אומשולדיגע מענשען בעשטראָפֿט מיט די באַרבאַרישסטע געזעצע.

דאָ נישט־לאַנג איז פֿאָרגעקומען אַזאַ מעשה:

אין דער פּערזישער שטאָדט קאָטשאַן, האָט גע־וואוינט אַ ארבייטזאַמע פֿרוי. ווען מען ס׳איז געווען אַ פֿוילענצער און אַ גרויסער שיכור און זי האָט געמוזט אַרבייטען פֿאַר׳ן גאַנצען בני־בית פלוצים איז דער מאַן אַהין־געקומען, זי האָט אויף איהם געוואַרט פֿיער קיילעכ־דיגע יאָהר און ער איז נישט צוריק געקומען, ווען עניגע נאָך פֿיער יאָהר אַז ער איז טאַקי נישטאָ האָט די אָרימע פֿרוי חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן מאַן. אין אַ יאָהר אַרום נאָך דער חתונה איז איהר ערשטער מאַן, דער שיכור, צוריק געקומען און ווען ער האָט זי געטראָפֿען פֿערהייראַטעט מיט אַן אַנדערן, האָט ער זי געקלאַגט און לויט דער פּערזישער תורה האָט מען זי פֿעראורטיילט מיט סקילה.



א יודישער ספארט־קלוב אין לעמבערג: חשמונאי, I.

צו דער פֿערשטיינערונג האָט זיך צוזאַמען נעקליבען די בעפֿעלקערונג פֿון דער גאַנצער שטאָדט. מיט גרוֹיס פּאָמפּ און ליאַרם האָט מען זי פֿיהער געפֿיהרט דורך דער גאַנצער שטאָדט באָרוויס און אָהן אַ שלייער. וועלכעס איז ביי די פּערזיאַנער די גרעסטע בושה און דאַן ערשט האָט מען זי געפֿיהרט אויף דעם פערשטיינונגס־פּלאַץ.

די אומגליקליכע פֿרוי איז געגאַנגען רוהיג און געלאַסען מיט גלייכגילטינקייט האָט זי זיך אויסגעצוֹיגען אויף דעם ריכטערפּלאַץ און מיט געדולד האָט זי ערוואַרטעט איהר גרייזאַמען טוֹיט.

דעם ערשטען שטיין האָט איהר געוואָרפֿען דער פּערזישער כהן־גדול און נאָך איהם די מאַסע. ס'האָט נישט געדויערט קיין צוויי מינוטען און אַ האָגעל פֿון שטיינער האָט צונערעקט דעם צעשלאָגענעם און טויטע קערפּער פֿון דער עלענדער פֿרוי.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער צוויי בילדער, וועלכע שטעלען פֿאָר די מאָמענטען ווען מען פֿיהרט די אונגליקליכע פֿרוי צו דער סקילה און ווען זי ווערד פֿון דער פֿאלקס־מאַסע פֿערשטיינערט.



באַרבאַרישע געזעצע אין פּערזיען: די „זינדיגע“ פֿרוי ווערד געפֿיהרט צום „פֿערשטייניגען.

# די ירושלים'ער יודען ביים טירקישען מיליטער.

ווען די ירושלים'ער יודען האָבען נאָר דערהערט די נייע „גזירה“, אַז אויך יודען וועלען מוזען דיענען ביים מיליטער, זענען זיי שטאַרק איבערראַשט געוואָרען. אַ גאַנצע מהומה איז ענטשטאַנען אין יודישען קוואַרטאַל. ס'האָבען זיך געפֿונען שתדלנים, וואָס האָבען געזוכט צו פּועל'ן, אַז די גזירה זאָל בטול ווערען און אַפֿיל יונגעליים האָבען אפֿילו געמאַכט פּליטה.

מיט דער צייט אָבער, האָבען זיך די ירושלים'ער יודען איבערצייגט, אַז די גזירה וועגען מיליטער־פּפֿליכט פֿאַר יודען איז נאָר אַ טובה פֿאַר'ן יודישען פֿאָלק בכלל און פֿאַר יודישען יחיד בפֿרט. דען דורך דעם מיליטער־דיענסט, וועלען די יודען אין דער טירקיי בעקומען פּאָליטישע און בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג און דער יודישער בחור וועט זיך פֿיזיש ענטוויקלען.

אַזאַ צופֿרידענע שטימונג האָט זיך פֿערשפּרייט צווישען אַלע יודישע קהלות אין ירושלים און דאָס האָט זיך מאַקי געמאַכט בעמערקבאַר בשעת מען האָט עפֿענטליך פֿאַרגעלעזען דעם נייעם מיליטער־בעפֿעהל פֿונ'ם מאַהאָמעד V.

דער בעפֿעהל איז געלייענט געוואָרען אויף אַ גרויסען פֿרייען פּלאַץ. וואו די שטעדטישע מוזיק האָט געשפּילט און ס'זענען געווען פֿערזאַמעלט טויזענדער יודען, מאַהאָמעדאַנער און קריסטען. צווישען די יודען האָט מען געזעהן ספֿרדים, תימנים, אשכנזים מערבים, קאַווקאַזער און בוכאַראַ'ר.

די צאָהל פֿון די יודישע יונגע־ליים, וועלכע זענען היי־יאָהר אַסענטירט געוואָרען בלויז אין ירושלים' בערעכענט 500.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער דאָס בילד, וועלכעס שטעלט פֿאָר דעם מאָמענט, ווען מען האָט פֿאַר'ן עולם געלעזען דעם בעפֿעהל פֿונ'ם סולטאַן, אַז יודען און קריסטען זענען מחויב צו דיענען ביים מיליטער.



די ירושלמ'ר יודען ביים טירקישען מיליטער: די פֿאָרלעזונג פֿון מיליטער־בעפֿעהל אין ירושלים.

# א מיליאָן מארק פֿאר וויסענשאפֿטליכע צוועקע.

ס'האָט זיך שוין אַסך מאָל געטראָפֿען, אַז מיליאָנערע אדער סתם רייכע לייט לאָזען איבער אין זייערע צוואות גרעסערע בעטרעגע אויף וויסענשאַפֿטליכע צוועקע. אָבער צום ערשטען מאָל האָט פּאַסירט, אַז נישט קיין בערופֿס־פֿינאַנציסט, נאָר אַ מאַן דער וויסענשאַפֿט, זאָל אומשטאַנד זיין אין זיין צוואה צו פֿערשרייבען אַ גרעסערע סומע פֿאַר אַ וויסענשאַפֿטליכען צוועק. דאָס איז אַ בעווייז, אַז די געזעלשאַפֿט ווייסט שוין היינט אָבצושאַצען דעם ווערטה און בעדייטונג פֿון אַ פֿעהיגען וויסענשאַפֿטס־פֿאָרשער. דען ער האָט זיצענדיג יום־ולילה ביי די ביכער און אין זיין לאַבאָראַטאָריום. דאָך ערשפּאַרט אַ היבש פֿערמעגען און דאָס איז אַ גאַנץ ערפֿרעהליכע ערשיינונג.

מיר מיינען דאָ די צוואה פֿון דעם אונלענגסט אין לאָנדאָן געשטאָרבענעם בעריהמטער דר. לודוויג מאָנד און וועלכער ער האָט בעשטימט אַ מיליאָן שילינג פֿאַר

וויסענשאפטליכע פארשונגען אין דער הײַדעלבערגער אוני־ניווערזיטעט.

דיעזע ציואה האט ארויסגערופען א שטאַרקע אי־בערראשונג אין דער וויסענשאפטליכער וועלט, און דער בעריהמטער בעמיקער דר. מאנד — וועמענס בילד מיר ברענגען אין אונזער היינטיגען נומער — ווערד שטאַרק געלויבט פאר זיין עדלער טהאט.

# א שרעקליכע שפּיטאל־קאטאסטראפע.

אין ראיבל (קערנטען) איז יענע וואך איינגעזונקען געוואָרען א שפּיטאל און 7 מענשען האבען אין דער חורבה זייער קבורה געהאט.

ראיבל, איז א שטאדט אין וועלכער ס'געפונט זיך א גרויסער בליי־בארג, ביי וועלכען ס'זענען בעשעפ־טיגט טויזענדער ארבייטער און נישט־ווייט פון בערג־ווערק האט זיך געפינען א נויט־שפּיטאל, וואו ס'האט יעדען טאג ארידינירט א דאקטאר.

די קאטאסטראפע איז געשעהן גראד דעמולט ווען ס'האט זיך געענדיגט די ארדינאציע און ס'זענען דארט נישט געווען קיין ארבייטער. נאר איין שלאסער־לערניונגעל, וועלכע האט זיך אויף א זעלטענעם אופן געראטעוועט פון א זיכערן טויט.

פלוצים האט זיך דערהערט א שרעקליכער קראך — און דערשראקען פון דעם קראך, איז דאס שלאסער־לערניונגעל ארויסגעשפּרינגען דורכ'ן אפענעם פענסטער — און עס האט נישט געדויערט קיין צוויי מינוטען האט זיך געעפענט דער גאנצער שטח ערד, אויף וועל־כען דאס שפּיטאל איז געשטאנען און די גאנצע שפּי־טאל־געביידע איז איינגעזונקען אין א 200־מעטערדיגען תהום.

צוזאמען מיט'ן שפּיטאל זענען איינגעזונקען דער דאקטאר מיט זיין פרוי און קינד. א קראנקען־ווערטער מיט זיין פרוי און צוויי קעכינ'ס.

די עפענונג איז באלד אנגעפולט געווארען מיט וואסער. אזוי אז ס'איז אונמעגליך געווען די מתים פון דארט ארויסצוציהען און די גאנצע רעטונגס־אקציאן, אין וועלכער ס'זענען בעטייליגט געווען אלע ארבייטער פונ'ם בערג־ווערק און דאס דאנעבען שטעהענדע מיליטער, האט זיך בעשרענקט אויף צו פערשיטען די ערד־ריסע וואס האבען זיך געמאכט אין ארומיגען שטח.

אלס די סבה פון דיזער קאטאסטראפע, איז אין אלגעמיין אנגענומען געווארען, אז פון די שטארקע האמער־קלעפּ וואס די ארבייטער האבען געגעבען אין



די קלײנסטע אײראפעאישע רעפובליק: פרעזידענט קאררא פון סאן־מארינא.



באלבארישע געזעצע אין פערזיען: די זינדיגע פרוי ווערד געשטײניגט.

שינט, וואס האט זיך געפונען כערך נישט ווייט פון דעם שפּיטאל, האט זיך אבגעריסט א שטיק ערד פון דעם באדען, אויף וועלכען דאס שפּיטאל איז געשטאנען און ס'איז דערפאר געווארען א חלל, וועלכע האט איינ־געשלונגען דאס שפּיטאל־געביידע.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער עטליכע בילדער, וועלכע שטעלען פאר דעם פערלויף פון דער שרעקליכער קאטאסטראפע.

# מיליאנער'ס־טאכטער און קעלנער.

אין אמעריקא — אין דעם לאנד פון „בלאף" — איז אלסדינג מעגליך, און נישט איין דארט געשעהענער פאקט קלינגט ביי אונז אזוי מערכענהאפט.

ווי אונגלויבליך און מערכענהאפט די דארטיגע עראייגניסע קלינגען, זענען זיי דאך אמת'ע פאקטען, און אלס בעווייז דערפאר קען דיענען די זעלטענע ליעבעס־דראמא, וואס האט זיך לעצטענס אבגעשפּיעלט אין פילאדעלפיא.

אנ'איינציקעל פון דעם ערשט־ראנגינען מיליאנער ראבערט בורסט, די 17־יעהריגע ראבערטא האט זיך „שטערבליך" פערליעבט אין א עטליכע־און־פינפציג יעהריגען קעלנער פרידריך קאהען, וועלכער איז שוין אפילו א פערהייראטעטער מאן און איז מיט איהם אוועק.

די ענונה פונ'ם קעלנער, האט באלד געקלאגט דעם מיליאנער אויף 50.000 דאלאר שאדענערזאץ און וואלט אפשר געווען געוואונען דעם בעטראג — האטש די אמעריקאנער פּיעסע האט בעהויפטעט, אז דער מאן איז מיט דער מיליאנערקע אוועק מיט איהר הסכמה — נאר די פאליציי האט זיי באלד געכאפט און די גאנצע מעשה איז צעשטערט געווארען.

די יונגע מיליאנערקע האט נישט געוואלט צוריק־געהן צו איהר ווירען, ביז ער האט איהר צוגעזאגט, אז ער וועט איהר געליעבטען קעלנער נישט פערפאלגען געריכטליך און האט אויך געמוזט „פעל'ן" ביי דער פרוי קאהען, אז זי זאל איהר מאן נישט מאכען קיין פאר־ווירפע. און דאמיט האט זיך געענדיגט די אמעריקאנער ליעבעס־דראמא...

מיר ברענגען אין היינטיגען נומער די בילדער פון קעלנער פרידריך קאהען און פון דער יונגער מיליא־נערקע ראבערטא בורסט.

# א איינברוך אין דער וויענער שיפּ־שוהל.

אין דער נאכט פון פרייטאג דעם 14 אויף שבת דעם 15 יענער האבען דריי וויענער בערופס־איינברעכער אויפגעריסען א זייטען־טהירעל פונ'ם גארטען וואס גע־פונט זיך נעבען דער שיפּ־שוהל און זענען דארט'ן ארום איינגעקומען אין שוהל אריין.

צוערשט האבען זיי אויפגעהאקט א פושקע, דאן א שיפלאד אין האבען פון דארט ארויסגענומען די געלדער בערך א עטליכע־און־זעכציג קראנען. זעהעדיג אבער אז דער בעטראג איז בעדייטענד קלענער, ווי זיי האבען זיך איהם פארגעשטעלט האבען זיי אויך גע־



ר' לוי בערגער ז"ל.



א גנבה אין דער ווינער שיף־שוהל; רעכטס: די גנבים אויף דעם דאך. לינקס: די גנבים אין שוהל.

וואלט מיטגעהמען די ווערט־פֿולע חפצים, וואס נעפֿונען זיך אין דער שוהל.

צו דעם צוועק האָבען זיי אויפֿגעריסען דעם שלחן וואו סיזענען געלעגען עטליכע זילבערנע כתרים און עץ־החיים׳ס. זיי האָבען דיעזע געגענשטענדע איינגעפּאקט און זיי אַנגעגרייט צום נעהמען און האָבען דערווייל געזוכט מזומן געלד. דערווייל איז פֿאַרבייגעגאנגען דער שוהל־שמש און דערהערענדיג אַ עמיץ פּארעט זיך אינעווענינ, איז איהם די זאך געווען זעהר אויפֿפֿאלענד געוועזען און ער איז אריינגעגאנגען זעהן וואס דארט טהוט זיך.

ווין אריינקומען האט די בעלי־מתעסקים אזוי איבערראשט, אז ווי זענען דורכ׳ן פֿענסטער ארויסגעשפּרינגען אין גארטען אריין און פֿון דארט זענען ווי ארויף אויפֿ׳ן דאך. פֿון דעם נעבםטגעלעגענען הויז.

דער שמש האט געוואוסט, אז דער גארטען האָט נישט קיין אנדערן ארויסגאנג און האט דערפֿאר תיכף צונערופֿען אַ פּאָליציי־מאן. נאָך א היבשע צייט זוכען איבער׳ן גארטען און אין שוהל־הויף, איז ווי איינגעפֿאלען דער געדאנק ארויפֿצוקלעטערן אויפֿ׳ן דאך און דארט האבען זיי צוויי פֿון דער באנדע געכאפּט. דאגעגען דער דריטער איז פֿערשוואונדען געוואָרען און מען ווייסט נישט עד־היום ווער ער איז געווען.

די צוויי געכאפּטע הייסען, סטעפֿאן וואלדעקער און קארל פּאָלאר. ביידע זענען איבערגעגעבען געוואָרען אין בעצירקס־קרימינאל אריין.

אין אונזער היינטיגער נומער ברענגען מיר צוויי בילדער, וועלכע שטעלען פאר, די איינברעכער ביי דער ארבייט אין שוהל׳ און „ווייער אנטלויפֿען אויפֿ׳ן דאך״.

# יאנינא באראווסקא פאר׳ן שוואורגעריכט.

פֿאר׳ן קראקויער שוואורגעריכט קומט איצט פאר דער סענזאציאנעלער פּראצעס פֿון דער מעדיצין־הערערין יאנינא באראָווסקא, וועלכע איז פֿון דער שטאאטס־אנוואלט אנגעקלאגט פֿאר ערמאָרדען דעם קראקויער אדוואָקאט דר. וולאָדימיערוש לעוויצקי. וועלכער האט די פֿערטהיידיגט אינ׳ם פּראצעס, וואס זי האט געפֿיהרט מיט עמיל העקער.

נאך מיט עטליכע טעג איידער דער פּראצעס האט זיך אָנגעהויבען, איז דאס ביורא פֿונ׳ם געריכט־פּרעזידענט געוועזען בעלאנערט פֿון הונדערטער מענשען; יודען און פּאליאקען, מענער און פֿרויען, רייך און אָרים, יונגע און אלטע — אלע האבען זיך געדרענגט, כדי צו בעקומען א בילעט, אום צו קענען ביינואינען די פֿערהאנדלונג פֿון דעם אינטערעסאנטען פּראָצעס.

דאס געדרענג איז געווען אזוי שרעקליך, אז פֿרויען האבען געחלישט און מענער זענען שיעור דערשטיקט געוואָרען. און אויפֿ׳ן צווייטען טאג האט דער קאָרידאר פֿון דער געריכטס־געביידע אויסגעזעהן ווי א נישט צוגעראמטעס פוציווארען־געשעפֿט. היטע־פֿעדערן, שטיקלעך שלייערס און שפּיצען האבען בעדעקט דעם קאָרידאָר מיט אלע שטיינען.

די פֿערהאנדלונגען ווערען געפֿיהרט פֿון געריכטס־ראטה בלאנא־אייטש און הונדערטער מענשען הערען זיך צו מיט דער גרעסטער אויפֿמערקזאמקייט. די אנגעקלאגטע פֿערטיידיגט דער בעקאנטער קראקויער אדוואקאט דר. שאלאי. לעוויצקי׳ס פֿאמיליע פֿערטרעט דר. קלעמבקאווסקי און דעם אנקלאגע־אקט פֿערטהיידיגט דער שטאאטס־אנוואלט דר. מוראווסקי.

די ערשטע 4 טאג׳ האט פֿערנומען די פֿאָרלעזונג פֿונ׳ם אנקלאגע־אקט אין דער פֿערהער פֿון דער אנגעקלאגטער. ערשט דעם פֿינפֿטען טאג האט מען אנגעהויבען פֿאַרצורופֿען די עדות. דער פּראצעס וועט דויערן גאנצע צוויי וואָכען און דערפֿאר איז לעת־עתה שווער צו בעהויפּטען, ווי אזוי דאס אורטייל וועט אויספֿאלען.

די שטימונג פֿון די שוואורגעריכטער ענדערט זיך יעדעס מאָל, דען די באראווסקא פֿערטהיידיגט זיך מיט א זעלטענעס מוטה און ווירקט געוואלדיג מיט איהר וויינענדיגער שטימע און זיכערן טהאָן.



דער קאָוונער רב, ר׳ צבי הירש ראַבינאָוויץ זצ״ל.

אחוץ די אלגעמיין־ אנגענומענע פֿערמוטהונגען אז זי האט לעוויצקי׳ן געשאסען ווענען נאך דערווייל נישטא קיין שום שלאגענדע בעווייזע.

אלעס וועט דערפֿאר אבהענגיג זיין פֿון די אויסזאגען פון די עדות און פון דער קאנסטאטירונג פֿון דער געריכטליכער קאמיסיע. דערווייל אבער מוז מען זיך פֿון סברות און השערות פֿארויכטיג צוריק האלטען, כדי נישט צו בלייבען א פֿאלשער נביא.

דיענסטאג אין דער פֿ״יה איז דער באראווסקא אויפֿ׳ן וועג צום געריכט נישט־גוט געוואָרען און זי איז געפֿאלען אין חלשות. דער געריכטס־ארצט האט פֿעסטגעשטעלט, אז זי איז באמת קראנק און דער פּראצעס איז דעריבער פּעטאגט געוואָרען ביז מאָרגען.

# א נייער גענעראל־גובערנאטאר אין פינלאנד.

צום גענעראל־גובערנאטאר פֿון פֿינלאַנד איז ער נאנט געוואָרען דער גענעראל פֿ. א. סיין, וועלכער גילט אלס איינער פון די ענערגישסטע און שטרענגסטע רוסישע גענעראלען.

די וואהל איז רעסטווענען געפֿאלען אויף דיעזען גענעראל, ווייל עס קאכט איצט זעהר שטארק אין פֿינלאַנד און די פּאליטישע קרייזען אין רוסלאנד רעכנען מיט דער מעגליכקייט, עס זאל דארט נישט פאר קומען א ערנסטער קאנפליקט.

די פֿינלענדער זענען נעמליך שטארק איינפֿערניכט אויף זייערע רעכטע און זיי ווילען נישט צולאזען קיין שום אריינמישען פון דער רוסישער צענטראל־רעגיערונג. אין פּעטערסבורג הערשט איום אין דער לעצטער צייט א שטארקע צענטראליסטישע שטרעמונג, וועלכע וויל עס נישט לאזען, אז די פינלענדער זאלען זיין בעלי־הבתים ביי זיך אין דער היים לויט זייער איינענעם ווילען.

איצט נעראדע איז ארויסגעגאנגען א סכסוך, וואס די רוסיש־צענטראל־רעגיערונג פֿערלאַנגט פון פֿינלאַנד 10 מיליאן יעהרליך אלס בעטראג צו די מיליטערישע הוצאות אין רוסלאַנד. דער פֿינלענדישער לאַנדטאג האט אבער דיעזעס פֿערלאַנגען אבגעלעהנט און דאפאר האט מען איהם אויפֿגעלעזט. דער סכסוך פֿערשארפֿט זיך פֿון טאג צו טאג — ווער ווייסט, צו וואס דאס וועט נאך פֿיהרען?

# א נייער פליה־אפאראט פאר פערברעכער.

אַלע נוסע זאַכען קומען אומפערהאָפט — און אויך דער נייער פליה־אפאראט מיט וועלכען פערברעכער וועלען זיך קענען לייכט בענוצען איז עבענפאלס ערפונדען געוואָרען אומגערעכט. זיין ערפינדער וועט קיין דיפּלאָם דערפאר נישט בעקומען און קיין עשירות וועט ער אויך נישט צוזאַמען לעגען. דאגעגען צעבראָכענע ריפּען האָט ער שוין. א פאר וואָכען שפּיטאָל וועט ער יאָ ערשפּאַרען און אויב ער וועט נאָר בלייבען לעבען, וועט ער פאַר זיין ערפינדונג נאָך דאַרפען זיצען עטליכע וואָכען אין קרימינאל...

דער נייער פליה־אפּאַראַט איז — א פשוט'ער רעגענשירם; דער ערפינדער איז — א וויענער 19־יעהריגער גנב; און ערפינדען האט ער איהם אהן קאפּ־דאַרעניש, נאָר אין א אויגענבליק בשעת־הדחק.

דער וויענער יונגער איינבּרעכער ערמונד יורקא האָט זיך אריינגעחאַפּט אין וואָהנונג פונ'ם הויז נומער 14 אין דער דרייהויז־גאַסע, בשעת ער האט שוין געהאט בעראַלטען צוויי זילבערנע זייגערליך און געוואָלט מיט די איבריגע איינגעפּאַקטע געגענשטענדע אוועק געהן, זענען איהם אַקעגען־געקומען די בעלי־בתים פון דער וואוינונג און ער איז געבליעבען אין דער קלעם.

נישט האָבענדיג קיין אנדערע ברירה, האט ער געחאפּט א צוזאמען געפונדען פעקיל מיט בעטגעוואנד און עס דורכ'ן פענסטער ארויסגעווארפען אויף דער גאס, כדי ער זאָל האבען אויף וואס ארויף צושפּרינגען. דאן האט ער אין דער שנעלינקייט געחאפּט א רעגענשירם און איהם עפענענדיג איז ער אראבגעשפּרינגען פון דריטען שטאָק.

זיין כונה איז געווען א גוטע; ער האט דעם שירם בענוצט אלס א פאל־שירם און ביי א געוויסער פארויכטיגקייט וואלט איהם נאר נישט געווען געשעהן. ער איז אבער געווען דערשראָקען און האט זיך געאיילט. דערפאר איז ער געפאלען מיט א שריט פאר'ן פעקיל בעטגעוואנד. יעדענפאלס האט איהם דער שירם געשיצט פון א פאלרינגען טויט און ער איז לייכט געפאלען, אבער ער האט צעבראכען עטליכע לינקע ריפען און איז אויך אינערליך שטארק פערלעצט געווארען.

די רעטונגס־געזעלשאפט האט איהם דערוויל גענומען אין שפּיטאל אריין און באַ ער וועט ארויס א געזונדער, וועט ער ערשט פונ'ם לאנדעסגעריכט פערארטיילט ווערען פאר גנבה.

אט דאס איז דער טרויריגער גורל פון דעם אריימען ערפינדער...


פראפעסאר דר. מאנד.

# די קלענסטע רעפּובּליק.

אונלענגסט איז געווען די פיערהונדערט־יאָהריגע יובל פון א קליינער רעפובליק, וועלכע איז ביז איצט געווען כמעט אזוי ווי פערגעסען און ערשט דורך דער לעצטער וואהל, האט זי אויף זיך געצויגען די אויפמערזאמקייט פון דער עפענטליכקייט.

די רעפובליק הייסט סאַן־מאַרינא און ליעגט צווישען די איטאַליענישען פּראָווינצען פעזאַראָ, אורבינאָ און פֿערלי. דער גאַנצער שטח פון דער דאָזיגער רעפובליק בעטרעפט נישט מעהר ווי 60 קוואדראַטקילאָמעטער מיט א בעפעלקערונג פון 8000 נפשות.

די גאַנצע בעפעלקערונג בעפאַסט זיך מיט אקערבוי און פיהצוכט. לויט איהר שטח און לויט דער צאָהל פון איהר בעפעלקערונג איז סאַן־מאַרינאָ דער קלענסטער שטאַאט אין איראָפּא און דאַמיט אויך במילא די קלענסטע רעפובליק.

די רעפובליק עקזיסטירט שוין איבער 1500 יאָהר און זייט דעמולט איז זי זעלבסשטענדיג. אין אלע מלחמות, וואָס זענען זייט דער צייט פארגעקומען, האָט מען זי קיינמאָל נישט געשטערט. די פערוואלטונג בעך שטעהט פון א גרויסען שטאַאטס־ראַט, אין וועלכע ס'געהערען 60 מיטגליעדער. דיעזער ראַטה ווערד געוועהלט פונ'ם פאלק און יעדעם געוועהלטע מיטגליעד געהער אין איהם לעבענסלענגליך.

דאָס העכסטע אָרט פון דיעזען שטאַאט איז דער בּאַרג טיטאַנאָ, וועלכער טיילט זיך גאַנץ אויבען און דריי שפּיצען און אויף יעדען שפּיץ איז אַנגעבראכט א טורם איבער די דריי טהירמע שוועבט דאס וואָרט „ליבערטאַס“ (פרייהייט) און דאס בילדעט דעם וואפען פון דיעזער וועלטגער און קלענסטער רעפובליק אין איראפא.


נייער פליעה־אפּאראט פאר פערברעכער: דער גנב ערמונד יורקא ביים אראבשפּרינגען נאָך דער גנבה. אויבען דאס בילד פון גנב


גענעראל כיין; גובערנאטור פון פינלאַנד.



דער וואהלקאמפף אין ענגלאנד : בילד פון ה' יעתלער-פערהאמלונג.

# די פטירה פון צוויי גדולי ישראל.

(דער אלעקסאנדרער רבי און דער קאוונער רב זצ"ל).

אין אלעקסאנדער און אין קאוונא זענען יענע וואך נפטר געווארען צוויי יודישע גדולים, וואס זענען איצט אזוי זעלטען ביים יודישען פאלק.

די נפטרים זענען, דער אלעקסאנדער רבי ר' ירחמיאל ישראל יצחק זצ"ל און דער קאוונער רב ר' צבי הערש ראבינאוויטש זצ"ל, וועלכע קענען -- חאטש זיי האבען געהערט צום אלטען דור — מיט זייערע מעלות-טובות דיענען אלס א מוסטער פאר'ן היינטיגען יונגען דור.

ר' ירחמיאל ישראל יצחק זצ"ל איז אלט געווען 56 יאהר און איז געזעסען אויף דער שטוהל זייט דעם יאהר תרנ"ד. אינם משך פון די 10 יאהר האט ער זיך ערווארבען צעהנדליגער-טויזענדער אנהענגער פון גאנץ פוילען און רוסלאנד. אין דער חסיד'ישער וועלט האט מען איהם געהאלטען אלס דעם גרעסטען רבי פון אונזער צייט. צו זיין פאפולאריטעט און אלגעמיינע אבטונג האט פיעל בייגעטראגען דער פאקט, וואס ער פלעגט נישט נעהמען קיין פדיונות און אויב ס'האט זיך געטראפען א רייכער חסיד, וועלכער האט דאך איבערגעלאזט א פדיון, פלעגט ער דעם געטראג אפשיקען קיין ארץ-ישראל פאר די לומדי-תורה.

דעם טאג פון דער פטירה, איז ער אויפגעשטאנען בקר-הבריאה. האט נאך געדאווענט אין טלית-ותפלין זיינער 1 בייטאג האט ער אבגעדאווענט מנחה און זיינער 3 נאכמיטאג איז ער נפטר געווארען אהן אשום נסיסה. אין זיין צוואה וואס ער האט געלאזט, שטעהט נישט מעהר ווי א מחילה צו אלע זיינע חסידים. טאמער האט ער עפיס קרענקען זיי פערדרינגט.

זיין פטירה האט ארויסגערופען אן'אונבעשרייבליכען טרויער אין גאנץ פוילען.

אין אלעקסאנדער, לאדז, קאלוש און אנדערע שטעדט פון פוילען זענען אינ'ם טאג פון זיין לויה געווען געשלאסען אלע געשעפטען. און פון פערשידענע שטעדטליך זענען אנגעקומען עקסטרא-צינע מיט הונדערטער חסידים. דער וועג וואס פיהרט פון לאדז קיין אלעקסאנדער איז געווען שווארץ פון מענשען, וואס זענען א-הין געגאנגען צו-פוס, ווייל קיין פיהרען האט מען נישט מעהר געקענט בעקומען. דער שטראז איז געווען אזוי בעדעקט מיט מענשען, אז די פיהרען און פיאקער האבען געמוזט פאהרען טריט-ביי-טריט.

צו דער לויה זענען געקומען איבער 20 רבנים און אסך רביים, צווישען וועלכע ס'האבען זיך געפינען, דער ליאדאווער, דער זדונסקא'ר דער לאדזער, דער סעראדזער, דער גלאווניער, דער מאביאנעצ'ער, דער לאסק'ער דער זגיערוש'ער, דער טוריק'ער, דער ראדאמסק'ער און דער סאכאטשאוו'ער וועלכער האט מחמת אבלות קיינעם ניט געגעבען קיין שלום.

נאך דער מטה זענען נאכגעגאנגען העכער צוואנציג טויזענד חסידים און כמעט אלע האבען זיך פריהער מטהר געווען אין דער מקוה, דען אהן טבילת האט מען נישט געטארט צוטרעטען צום ארון.

די לויה האט זיך אנגעהויבען זייגער 4 נאכמיטאג און די קבורה האט זיך געענדיגט 'ערשט זייגער 3 אין דער נאכט. זכר צדיק לברכה!

* * *

דער צווייטער נפטר דער קאוונער רב, ר' צבי הירש ראבינאוויטש זצ"ל — א זוהן פונ'ם בערי־המטען גאון ר' יצחק אלחנן ז"ל פון קאוונא — איז געווען א גרויסער למדן, דאך האט ער נישט געוואלט האבען הנאה פון רבנות און האט אנגעהויבען זיך בעשעפטיגען מיט מסחר. נאר אזוי ווי זיין קאפ איז געווען נישט ביי דעם מסחר, נאר ביי דער תורה, זענען זיינע געשעפטען געגאנגען אלץ ערגער, ער האט פערלוירען זיין גאנצען קאפיטאל און נאכדעם, ווי ער האט זיינע געשעפטען ליקווידירט, איז ער אויפגענומען געווארען אלס רב אין מיטוי.

בעת ר' צבי הירש ראבינאוויטש ז"ל איז געזעסען אויף דער כסא הרבנות אין מיטוי, זענען צו איהם געקומען שלוחים פון ניו-יארקער "יודישער געמיינדע" מיט דער ביטע אבצונעהמען די שטעלע פון אב-בית-דין אין ניו-יארק; ער האט זיך שוין געגרייט אהין צו פאהרען, נאר גראד דאן איז אין ווילנא געשטארבען דער שטאדט מגיד -- דער בעוואוסטער ר' יעקב חיים ז"ל. די ווילנער "טובי העיר" האבען געפינען, אז דער מיטויער רב איז דער איינציגער, וועלכער איז ווערט צו פערנעהמען די שטעלע פון ווילנער שטאדט-מגיד, און האבען איהם איינגעלאדען צו קומען קיין ווילנא.

נישט קוקענדיג דערויף, וואס די שטעלע פון רב אין ניו-יארק טראגט א גרויסע הכנסה — האט ר' צבי הירש ראבינאוויטש געפונען פאר בעסער זיך אבצוזאגען פון דער ניו-יארקער כסא הרבנות און אנגעהמען די שטעלע פון שטאדט-מגיד אין ירושלים "דליטא" אין ווילנא.

נאך דער פטירה פון זיין פאטער ר' יצחק אלחנן ז"ל האט די קאוונער יודישע געמיינדע געפינען, אז קיין אנדערער א חוץ זיין זוהן דארף נישט זיצען אויף זיין שטוהל, און ר' צבי הירש ראבינאוויטש איז אויפגענומען געווארען אלס קאוונער רב. אויף וועלכער ער איז געבליבען ביז זיין פטירה.

ר' צבי הירש ראבינאוויטש איז נישט געווען פון די רבנים, וועלכע שליסען זיך אב אין די ד' אמות פון תורה און אינטערעסירען זיך נישט מיט'ן לעבען; אלס מגיד אין ווילנא און אלס רב אין קאוונא, האט ער א שטארקען אנטייל גענומען אין קהל'ישע אינטערעסען און איז אויך געווען אנפיהרער פון פיעל צדקה חברות.

דער קאוונער רב איז אויך געווען איינער פון די ערשטע חובבי-ציון, נאך אלס מגיד אין ווילנא איז ער געווען מיטגליעד אין דעם דאמ'ט ארץ-ישראל קאמיטעט. נאך דער פטירה פונ'ם ביאליסטאקער רב, ר' שמואל מאהליווער, האבען די ארטאדאקסישע חובבי-ציון זיך צו איהם געווענדעט מיט'ן פארשלאג צו שטעלען זיך אין דער שפיץ פון דער בעוועגונג. נאר ר' צבי הירש ראבינאוויטש האט זיך אבגעזאגט פון דעם כבוד און אין א



פראצעס יאנינא באראווסקא: דער געריכטס-פרעזידענט בלאגאראוויטש. דער שטאאטסאנוואלט דר. סאראווסקי, דער פערטהיידיגער דר. שאלאי (פון לינקס אויף רעכטס).

# א סכסוך אין קאנסטאנטי־נאפעל.

אונטער דער הערשאפט פון דעם אבגעזעצטען סולטאן אבד־ל האמיד איז דער איינפלוס פון דייטש־לאנד זעהר גרוים געווען אין קאנסטאנטינאפעל.

דער סולטאן האט בעטראכט דעם דייטשען קאי־זער אלס זיין איינציגען טרייען פריינד און ער פלעגט ביי יעדער וויכטיגער אנגעלעגענהייט זיך בעראטהען מיט די דייטשע פאליטיקער.

ווען ער האט אנגעהויבען צו רעפארמירען די טירקישע ארמעע, האט ער דאצו געוועהלט דייטשע אפיציערע און אינסטרוקטארען און דער דייטשער גענע־ראל פון דער גאלטץ האט געשפיעלט גאר א גרויסע ראליע אין דער טירקישער ארמעע, און וועלכער ער האט ערדייכט דעם טיטעל „פאשא“.

די אנדערע מלוכות האבען געקוקט מיט א גע־וויסען מיסטרויען אויף דיעזען דייטשען איינפלוס — אבער זיי האבען זיך נישט געקענט העלפען.

ערשט ווען די יונגטירקען האבען איבערגענומען די רעגיערונג, זענען זיי געקומען צו דער איבערציינונג, אז די דייטשע „פריינדשאפט“ איז נישט געווען קיין אומ־זיסטיגע. די דייטשען האבען זיך פאר דער „פריינדשאפט“ געלאזט אנשטענדיג בעצאהלען מיט קאנצעסיעס ווענען דער באגדאד־באהן, וועגען דער שיף־פאהרט אין מעזא־פאטאמיען עטצ. און זוי. די יונגטירקען האבען אנגע־הויבען בימלעכווייז די דייטשען ארויסצושטופען פון זייער בעקוועמע איינפלוס־ספעהרען.

די זאך איז שוין אזוי ווייט געקומען, אז אויך די דייטשע מיליטערישע אינסטרוקטארען ווערען אין דער טירקיי נישט גערן געזעהען און אלס בעווייז דאפאר קען דיענען דער נאכשטעהענדע פאקט איבער וועלכען עס ווערד פון קאנסטאנטינאפעל בעריכטעט:

דא־ט איז נעמליך פארגעקומען א סכסוך צווישען טירקישע אפיציערע און די דייטשע אינסטרוקטארען און די טירקען האבען בעשלאסען די קאסערנע און די דייטשען נישט מעהר געוואלט אריינלאזען...

דער פאקט נופא איז צוואר נישט פון גרויסער בעדייטונג. ער איז גאר כאראקטעריסטיש פאר די פער־העלטניסע צווישען די דייטשען און די טירקען אין קאנ־סטאנטינאפעל.



וואונדער דער טעכניק ; די מאשין צום צערייסען די בערג.

בריעף, וועלכער געפינט זיך נאך ביי ר' יצחק ניסענבוים' האט ער געשריעבען, אז ער וויל בעסער ארבייטען פאר'ן רעיון פון ישוב־ארץ־ישראל, נישט נעהמענדיג אויף זיך קיין שום אפיציעלען אמט, איידער ווי אנצונעהמען אויף זיך התחייבות'ן און זיי נישט צו דערפילען.

ר' צבי הירש ראבינאוויטש איז געווען נישט נאר א גרויסער למדן, נאר אויך א הויך־געבילדעטער מענש. ער האט גרינדליך געקאנט די רוסישע און דייטשע שפראך און אין געשטריך פלעגט ער אפט אריינוואַרפען ציטאטען פון די דייטשע פילאזאפען און פאעטען.

נישט קוקענדיג דערויף וואס ר' צבי הירש ראבי־נאוויטש איז געווען זעהר פרום, איז ער דאך נישט גע־ווען קיין פאנאטיקער, ער פלעגט זיך בעציהען מיט כבוד צו יעדען, נישט קוקענדיג אויף זיינע אידעען און איבער־צייגונגען, אויב ער האט נאר געוואוסט, אז יענער איז א עהרליכער מענש און דאס וואס ער רעדט מיינט ער ערענסט.

מיט דער פטירה פון דיזע צוויי גדולים, זענען פאר'ן אלטען יודענטהום אוועקגעפאלען צוויי עמודי־התורה נישט אזוי גיך וועלען זיך קענען געפינען מענשען, וועל־כע זאלען קענען ממלא־מקום זיין און די אלגעמיינע אבלות, וואס זייער טויט האט ארויסגערופען איז דער־פאר א בערעכטיגטע. תהי' נשמותיהם צרורות בצרור החיים.



א סכסוך אין קאנסטאנטינאפעל: די דייטשע אינסטרוקטארען אין דער טירקישער ארמעע.

עס וועט נויטהיג זיין, וועלען זיי קומען אהער פאר איהם עדות זאגען. פירין האט אבער אויפגעוויעזען דורך דיעזע לאנד־קארטע, אז די עסקימאָסען האבען פערזיכערט איהם אין א קאמיטע פון אונפארטייאישע מענשען, או קוק איז גאר קיין מאל נאהענט צום נארד פאל נישט צוגעקומען.

קוק האט אויף דיעזער בעשולדיגונג נאר נישט געהאט צו ענטפערען, אויסער או דאס איז אין גאנצען א ליגען. דיעזעס מאל האבען שוין זעהר וועניג מענשען געגלויבט אין איהם. אלע האבען מיט גרוים שפאנונג געוואַרט ביז וואנען ער וועט אפשיקען זיינע בעווייזע נאך קאפענהאגען און די וויסענשאפטס־לייטע וועלען ענדליך ענטשיידען דיעזע פראגע.

קוק האט זיך ענדליך אונטערגענעבען. ער האט צוגעגרייט זיינע דאָקומענטען און אין א אייזערנע קעסטיל אונטער די אויפזיכט פון דעטעקטיווס האט ער זיי אפגעשיקט קיין דענעמארק. גלייך ווי די שיף איז אבגעפאהרען, האט קוק א־ויסגענומען 15 טויזענד דאלאר פון די בענק און איז פערשוואונדען געווארען. זייט דעמאלט האט מען פון איהם נישט געהער־ט.

וואָס עס האט זיך דערמיט פאסירט ווייסען אלע. דאס קאמיטע האט די דאקומענטען אונטערזוכט און ערקלעהרט, אז קוק איז קיינמאל ביים פאל נישט געווען און אז די בעווייזע וואס ער האט צוגעשיקט, זענען פיל מיט עם הארצות און נאַרישקייט. קוק׳ס בלאף איז ענדליך פעסטגעשטעלט געווארען, קוק האט איינגעזעהן, אז זיין סוף איז געקומען און ער איז מיט דער זעלבער רוהיגקייט, וואס ער האט פון אנפאנג געבלאפט, זיך שטילערהייט אבגעטראָגען.

און די בלאף־קאמעדיע האט זיך געשלאָסען.

# וואונדער פון דער טעכניק.

ס׳איז דא אַנ׳אלט שפּריכווארט: „דער מענשליכער ווילען קען בערגער צערייסען!“ און אזוי ווי יערעס שפּריכוואָרט האט אין זיך א שטיק אמת, אזוי איז אויך דאס אויבען־ציטירטע שפּריכוואָרט א אמת׳ע מאטזאך.

זעלבסטפערשטענדליך, דאַרף מען נישט מיינען, אז דער מענשליכער „ווילען“ גופא, איז אימשטאנד צו צע־רייסען בערגע. נאר מען פערשטעהט דארונטער, אז דורך דעם מענשליכען ווילען ווערען געשאפען געגענשטענדע, וועלכע זענען באמת אומשטאנד בערגער צו צערייסען.

אינ׳ם איצטיגען פאל איז די רעדע פון א נייער מאשינע, וועלכע איז מיט דער ענטוויקלונג פון דער מאָדערנער טעכניק ערפינדען געווארען און ווערד בענוצט פון דער קופּפער־מינען געזעלשאפט אין בינגהאם (אוטאהן), צו צערייסען די הארטע בערג, פון וועלכע מען גראבט קופּפער.

די ארבייט מיט דער נייער מאשין געהט מיט א ריזען־שנעלינקייט אין גראבט אוים 14.000 טאָנען טעג־ליך. די אילוסטראציע וואס מיר ברענגען אין היינטיגען נומער שטעלט פאר די אויסגראבונגען אינ׳ם בינגהאמ׳־ער בערגווערק.

# ר׳ לוי בערגער ז״ל.

אין קראקא איז פאָריגע וואָך פלוצים געשטאָרבען דער ערשטער בעאַמטער פון פאָרשריטס־טעמפעל, ר׳ לוי בערגער ז״ל, 69 יאָהר אלט.

דער פערשטאָרבענער איז געבוירען א בראָדער און ער האט אויך געצעהלט צו די אמת׳ע „חכמי בראָד“. ער האט פערפינגט איבער זעהר פיעל יודישעם און אלגעמיי־נעם וויסען, בעהערשט עטליכע שפּראכען און וואלט, ווען ער זאל זיך געווען ווידמען דער וויסענשאפט, געקענט ערייכען א גרויסע שטופע אין דער געלעהרטען־וועלט.

ער איז אבער געווען א סוחר און געפיהרט גרוי־סע געשעפטען און דאס האט איהם אבגעלענקט פון דעם שטודיום, — אין שפּעטערע יאהרען, ווען זיין מאטער־ריעלע לאגע האט זיך פערשלעכטערט, איז ער געוואָרען אינטענדאנט פון טעמפעל, וואו ער האט זיך ערפּרייט אלגעמיינער בעליעבטהייט און אכטונג.

ר׳ לוי בערגער פלעגט אין די פריהערע יאהרען עפטערס האלטען וויסענשאפטליכע פאָרטרעגע אין פער־שיעדענע קראקויער פעראיינע. ער האט אויך געשריעבען פיעל וויסענשאפטליכע ארטיקעל, אין „המגיד“ און אין אנדערע העברעאישע בלעטער.

ביי זיין לויה האט זיך בעטהיילינט א גרויסער עולם און דער ראבינער דר. טהאן האט איהם געווידמעט א וואַרמען נאַכרוף. תנצב״ה.

# דער וואהלקאמפף אין ענגלאנד.

זעלטען נאך האט א וואהלקאמפף אין א געוויסען לאנד אזוי שטארק פעראינטערעסירט די עפענטליכע מיינונג אין די אנדערע לענדער, ווי דער איצטיגע וואהל־קאמפף אין ענגלאנד.

דאָ־ט שטעהען זיך א קעגען צוויי פארטייען, די קאנסערוואטיווען און די ליבעראלען.

ביז איצט האבען די ליבעראלען געהאט אין פאר־לאמענט א ערדריקענדע מאיאָריטעט. טראָצדעם האבען זיי גאר נישט געקענט אויספיהרען, ווייל דאס אבערהויז, וואו די קאנסערוואטיווען האבען די מאכט אין די הענד, פלעגט אלע זייערע רעפארם־אנטרעגע אבוואַרפען.

דער סכסוך האט זיך אין לעצטער צייט אזוי פער־שארפט, אז די ליבעראלען האבען געמוזט לאזען אויפ־לעזען דאס אונטערהויז, אין דער האָפנונג, אז זיי וועלען אויך ביי די נייע וואהלען זיגען און רעמילט וועלען די קאנסערוואטיווען שוין מוזען נאכגעבען. די קאנסערוואטי־ווען ווידער רעכענען, אז ביי די וואהלען וועלען זיי זיע־גען, און אפילו ווען נישט אזוי שטארק, צו בעקומען די ממשלה אין לאנד, וועט עס זיי געלינגען די ליבעראלען אזוי צו שוואכען, אז זיי וועלען מוזען אבזאגען פון זייערע פלענער.

איצט שפיעלט זיך דער וואהלקאמפף אב. אין די ערשטע טעג האבען צוואר די קאנסערוואטיווען ער־אָבער־ט א געוויסע צאהל מאנדאטע אבער נישט אזוי פיעל, ווי זיי האבען גערעכענט, און ווען עס וועט ווייטער אזוי געהען, וועלען די ליבע־ראלען בלייבען ביי דער ממשלה. — די קאנסערוואטיווען האפען אבער, אז זיי וועלען נאך ווייטער זיגען און אבווארפען די ליבע־ראלען.

דאס געגנויע רעזולטאט וועלען נאטירליך די נעכסטע טעג ברענגען. די גאנצע וועלט אינטערעסירט זיך אבער אזוי שטארק מיט דיעזע וואהלען, ווייל דער וואהלקאמפף שפיעלט זיך אב ווענען פראגען, וואס האבען א גרויס שייכות צו דער וועלט־פאָליטיק. די ליבעראלען ווילען נעמליך איינפיה־ען נייע רעפארמען, די קאנסערוואטיווען ראַנענען שרעקען דאס פאלק מיט א איבערפאל פון דער דייטשער זייט און ווילען פערגרעסערן די א־מעע און די פלאטע, און כדי צו דעקען דיעזע הוצאות, ווילען זיי איינפיהרען א הויכען שוץ־צאָל אויף די אויסלענדישע סחורות, דאס בעריהרט שוין שטארק דאס אויסלאנד. ע־שטענס וועט דער האנדעל דאפון שטא־ק ליידען, און צווייטענס וועלען אויך די אנדערע שטאאטען מוזען ווייטער פערגרעסערען זייערע ארמעען און דאס וועט ארויסרופען נייע לאסטען און נייע הוצאות. א זיעג פון די קאנסערוואטיווען וואָלט איבערדעם פאר דעם אויס־לאנד געווען זעהר נישט־בעקוועם.

דער וואהלקאמפף אין ענגלאנד איז געווען זעהר העפטיג און ביטער. דאס גאנצע פאלק האט זיך אין איהם בעטהיילינט, די מיניסטער און די פארטיי־פיהרער פלעגען טאג־טעגליך אבהאלטען פערזאמלונגען און אגי־טירען פאר זייערע פארטייען.

מען רעכענט די הוצאות פון דעם וואהלקאמפף אויף צעהנדלינגע מיליאָנען פונד שטערלינג (א פונד שטערלינג איז בערך 25 קראָנען).



מיליאנערס טאָכטער און קעלנער.

# אים הארעם פונ'ם סולטאן.

## אריגינאל־ראמאן פון דער יונגסטער צייט.

(פארטזעצונג *)

— בודאי איז עס מיין טאָכטער! — רופט דער יוד איבעראַשט — אפשר קענט איהר מיר זאָגען, ווער ס'זענען דאס די טירקען און וואו זיי וואָהנען.

— לײַדער ניין! — ענטפערט דער חכם־באַשי — זיי האָבען מיר זייערע נעמען נישט געזאָגט און איך האבע זיי אויך נישט געפרעגט, וואו זיי וואָהנען, אבער אויב אייער טאָכטער געפינט זיך טאַקי בײַם סולטאַן אין הויף, וועט איהר ראַט אין דער קאַנצעלײַ געוואָהר ווערען, וואו זי געפינט זיך.

— וועט מען מיך צו איהר צולאָזען? — פרעגט ווײַטער דער יוד.

— דאָס קען איך אײַך נישט זאָגען — ענטפערט דער חכם־באַשי — דאָס בעסטע איז, איהר זאָלט צוערשט ראַט נאָכפרעגען.

דער פראָסטער יוד, נישט פערשטעהענדיג קיין חכמות, מיינט אז צולאָזען צום סולטאַנ'ס הויף איז עפּעס א פּשוט'ע זאַך. ווי צוציקומען צו א רוסישען פּאָליציי־מײַסטער. ער געזעגענט זיך אָב מיט'ן חכם־באַשי און געהט צום סולטאַנ'ס פּאַלאַסט, זיך זעהן מיט זיין טאָכטער.

---

ניינצעהנטעם קאפיטעל.

### אים הארעם פון סולטאן.

דער סולטאַן האט זיך באלד פון זיין שרעק, איבער דעם „פערראַטה“ פון דער נרעפין אלאבעקער, ערהאָלט.

דיעזע „ארבייט“ איז פאַר איהם זעהר וויכטיג. עבענזאָ וויכטיג ווי די אונטער־האלטונג אים הארעם און ער האט זיך אָבגעזעגענט פון זיין נייעם ליעבלינג און איז אריבערגעגאַנגען אין זיין געהיימען קאַבינעט.

די הארעמס־דאַמען האָבען זיך צוריקגעצויגען אין דיערע סאַלאָנען, זיך אונטערהאַלטען און דערצעהלען מעשיות.

אין מיטען פון הערליך, מיט עכט ארענטאַלישע פּראַכט מעבּלירטען סאַלאָן זיצען דריי יונגע דאַמען אויף א טײַערען פּערזישען טעפּיך און דערצעהלען זיך מעשיות.

אין ווינקעל פון צימער שטעהט ווידער א „קרינע“, א פּ־וי פון סולטאַן, און ערטהיילט דער „נייער“ דאַמע אינסטרוקציעס, ווי זי דאַרף זיך נוהג צו זיין, כדי דעם סולטאַן צו געפעלען...

זיי אונטערהאַלטען זיך אַלע שטי'ל און קוים הערבאַר, ווייל דער סולטאַן האט פיינר דאָס געראוש און ער קען דאך יעדע מינוט ווידער אָנקומען פון זיין ארבייטס־קאַבינעט.

דאָס געשפּ־עך ווערד פּלוצ'ים אונטערבראָכען דורך דער ערשיינונג פון אָבער־איינוך אשמאַ. וועלכער קומט אריין און ברענגט נייע נאַכריכט...

— א קאָמישע בעגעגנונג האַב איך איצט געהאַט — דערצעהלט אשמאַ דער קאַדינע — עפּיס א אָרים־נעקליידעטער מאַן, ווי עס זעהט אויס. א אויסלענדישער יוד, האט זיך דערפּערענט ביז צו מיר און פערלאַנגט, איך זאָל איהם פיהרען צו זיין טאָכטער, וועלכע דאַרף זיך דאָ געפינען אין האַרעם...

איך האב איהם נאַטירליך קוים פערשטאַנען. האב נעלאָזט רופען א דאלמעטש



די פּאָליטיק האָט איהם קיין גרויסע שווירינקייטען נישט געמאַכט. ער האָט זיך פערלאָזט אויף זיינע פּאָליציי־שפּיצלעך, אויף זיינע שפּיאָנען און אויף זיין מיליטער.

ער האָט נאַטירליך נישט געוואוסט, ווי ווייט אין גאנצע אימפּעריע איז שוין אונטערגראָבען און אז באַלד וועט זיין ממשלה א ענדע נעהמען.

היינט האט ער ווידער א נוטען, ליסטיגען טאָג.

די מארקיזע בעלאַס האָט איהם צוגעשטעלט א פריש שטיקעל „סחורה“, א יונג פריש קינד, בלוט און מילך, א זעלטענע שעהנהייט.

דאצו איז זי אַזוי ליעב, אַזוי צערטליך, אַזוי ווארם, אז ער האָט זיך פון איהר קוים געקענט אָבשיידען.

נאָר די פּפליכט רופט... יעדען טאָג מוז ער אויסהערען די ראַפּאָרטען פון זיינע טרייע בעאמטען, פון זיינע שפּיאָנען, וואָס בעריכטען איהם איבער זייער טהעטיגקייט, וועלכע גבורות זיי האָבען בעוויזען, וויעפיעל פערדעכטיגע מענשען ארעטירט געוואָרען, וויעפיעל מען האט אין פּאָליציי־געפענגעניזן געפּאַלטערט, געמוטשעט, געפּלאַגט, געשלאָגען און — דערשטיקט...

און אויך איצט ווייס איך בלויז אַזוי פיעל, אז ער איז פון רוסלאַנד און זוכט זיין טאָכטער אננאַ, וועלכע דאַרף זיך דאָ געפינען.

עס איז מיר א רעטהזעל, ווי אַזוי דער קערל האט זיך געקענט צושטופּען ביז צו מיר... וואַהרשײַנליך האט ער געמוזט געבען א שעהנעם באַקשיש די טהיר־היטער...

דאַפאַר אבער האב איך איהם צוערשט נעלאָזט אריינפיהרען אין ערשטען קעלער און איהם אויפצעהלען א היבשע פּאָרציע שמיץ. דאַפאַר ווייל ער איז אַזוי פרעך, איצט וועל איך מאַכען א אונטערזוכונג און ארויסגעפינען, וואָס ער וויל אייגענטליך.

איך בין אבער גאר נייגעריג, אויב זיין טאָכטער געפינט זיך טאַקי נישט דאָ. האָט נישט וועלכע פון אײַך געהייסען אננאַ אין דער היים?

— ניין! — ענטפערן אַלע — צווישען אונז האט קיינער נישט געהייסען אננא — אפשר אין אנדערן סאַלאָן!...

(פארטזעצונג קומט).

# גראטולאציעס.

מאניא בוים נפתלי הירש מאהרער
פערלאבטע
קאלעמבינא. יארשאללא.
אים יאנואר 1910

פאן אינינעם הערצען גראטוליערע איך מיינעם פריינד ה' יאזעף טעפפער אויס חיראוו צו זיינער פערלאבונג מיט פריילין ראזענפעלד ראבראמיל. אונד ווינשע איהנען הימלישעס גליק. יוסף דעמאשעק.

## Nadesłane.

**Dział inseratowy „Zydowskiej Gazety Ilustrowanej“** objęło biuro reklamowe i anonsów **„Prinzipia“ w Krakowie ul. św. Marka 21.** do tej firmy należy się zwracać we wszystkich sprawach inserowania w powyższem piśmie.

**Die Inseratenabteilung der „Jüdischen Illustrirten Zeitung“** hat das **Anoncen und Reklamen-Bureau „Prinzipia“ Krakau, Markagasse 21.** übernommen, zu welcher sich die P. T. Inserenten in aller Insertionsangelegenheiten wenden wollen.

## פרעמיעס פאר אונזערע דירעקטע אבאנענטען.

1) ווער ס'אבאנירט די „יודישע אילוסטרירטע צייטונג“ וועכענטליך אויף א **פיערטעל יאהר** דירעקט ביי דער אדמיניסטראציע בעקומט בחנם א שענעם **וואנדקאלענדער לשנת תר"ע.**

2) ווער ס'אבאנירט דאס בלאט דירעקט וועכענטליך אויף א **האלב יאהר** בעקומט חוץ דעם לוח א פרעמיע איינע פון די צוויי העכסט אינטערעסאנטע היסטארישע ערצעהלונגען:

א) **„דוד שפירא“**, דער בעפרייער פון פראג.

ב) **„דון יוסף הנשיא“**, הערצאג פון נאקסאס.
ביידע שען אויסגעשטאטעט.

3) ווער ס'אבאנירט דאס בלאט דירעקט אויף א **גאנץ יאהר**, בעקומט חוץ דעם לוח אלס פרעמיע די ביידע אויבענדערמאנטע ערצעהלונגען:
**„דוד שפירא“ און „דון יוסף הנשיא“.**

די פרעמיעס ווערען צוגעשיקט פארטא-פריי.

די פריהערע פרעמיעס: „שפיצקאפף“ און „ספרי דר רובין“ זענען שוין אים גאנצען פערגריפען.


# עטליכע יודישע זעטצער

געפונען זאפארט בעשעפטיגונג

אין דער דרוקעריי

# י. פישער, קראקא.

## יודישע לעהרלינגע

נאר פון קראקא

פאר דערזעלבער דרוקעריי געזוכט.



## לעזט די טעגליכע צייטונג

# „דער טאג“

## „דער טאג“ קאסט:

**אין קראקא און אין לעמבערג:**
מאנאטליך 1.20 קראנען.
פיערטעליעהרליך 3 50 „
האלביעהרליך 7.— „
איינצעלנע נומער 6 העלער.

**אין גאנץ עסטערייך:**
מאנאטליך 1.50 קראנען.
פיערטעליעהרליך 4.— „
האלביעהרליך 8.— „
איינצעלנע נומער 8 העלער.

**אין רוסלאנד:** מאנאטליך 50 ק. פיערטעליעהרליך 1.50 רובל. האלביעהרליך 3 רובל. איינצעלנע נומער 2 קאפ.

**אין אויסלאנד:** מיט טעגליכער צוזענדונג פער קווארטאל 7 פראנק. גאנציעהריג 25 פראנק. איינצעלנע נומער 12 סענטים.

## פרעמיע פאר די אבאנענטען.

די דירעקטע אבאנענטען פונ'ם „טאג“ בעקומען אלס בחנם'דיגע פרעמיע די אילוסטרירטע ליטעראריש-בעלעטריסטישע מאנאטשריפט **„בית ישראל“** (א פאמיליענבלאט פאר יעדען יודישען הויז).

דאס ערשטע העפט ערשיינט שוין אים קומענדען חודש יענער.

די אבאנענטען פון דער **„יודישער אילוסטרירטער צייטונג“** בעקומען דעם **„טאג“** מיט **10% ביליגער.** עבענזא וועלען די אבאנענטען פון דעם **„טאג“** בעקומען די **„יודישע אילוסטרירטע צייטונג“** מיט **10% ביליגער.**

אדרעסע: **Redakcya „DER TAG“ (Dzień) Kraków, Grodzka 62.**
**Skrzynka pocztowa 124.**

פאר רוסלאנד: י. מערעצקי. ווארשא, כמיעלנא 49. פיליע אין לאדז: פשעיאזד 16.

